ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל
תשיעי

שער
שלישי

# דבר מלכות

•

מאת
כבוד קדושת
אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א
שניאורסאהן
מליובאוויטש

•

**משיחות ש״פ בראשית, מבה״ח מר־חשון ה׳תשנ״ב**

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פאַרקוויי
ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה
**שנת הקהל**
מאה ועשרים שנה לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**בס"ד.**

# פתח דבר

בזה הננו מוציאים לאור קונטרס משיחות כ"ק אדמו"ר שליט"א בש"פ בראשית, מבה"ח מר־חשון שנה זו.

## מערכת „אוצר החסידים"

בדר"ח מ"ח ה'תנש"ב (**ה**י' **ת**הא **ש**נת **נ**פלאות **ב**כל)
שנת הצדי"ק לכ"ק אדמו"ר שליט"א,
ברוקלין, נ.י.

# בס"ד. משיחות ש"פ בראשית, מבה"ח מר־חשון ה'תשנ"ב

א. ס'איז באַוואוסט דער וואָרט פון רבותינו נשיאינו[1], אַז שבת בראשית איז נוגע צו דעם גאַנצן יאָר. אַזוי ווי מ'שטעלט זיך אַוועק שבת בראשית, אַזוי גייט אַ גאַנץ יאָר.

אין וואָס באַשטייט די אויסגעטייל־טקייט פון שבת בראשית, אַז דוקא פון אים ווערט נמשך על כל ימי השנה? לכאורה איז דאָס דער תוכן פון גאַנץ חודש תשרי: תשרי — אותיות רשית[2] — איז דער רשית פון כל השנה כולה, וכידוע[3] אַז די מועדים אין חודש תשרי (המרובה במועדות[4]) זיינען מועדים כלליים פון וועלכע עס ווערט נמשך אויף דעם גאַנצן יאָר, אָנהויבנדיק פון ראש השנה, וועלכער ווערט אָנגערופן בשם „ראש השנה" דערפאַר וואָס ער איז דער „קאָפּ" וואָס איז כולל אין זיך און פירט אָן מיט אַלע טעג פון יאָר[5], וועד"ז יום הכפורים (וועלכער ווערט אויך אָנגערופן „ראש השנה" בכתוב[6]), וועד"ז חג הסוכות, זמן שמחתנו, ביז שמיני עצרת ושמחת תורה — איז פאַרוואָס צייכנט מען אויס שבת בראשית דערמיט אַז „ווי מ'שטעלט זיך אַוועק שבת בראשית אַזוי גייט אַ גאַנץ יאָר"?

איז די נקודת הביאור אין דעם — בפשטות: שבת בראשית באַצייכנט דעם איבערגאַנג פון חודש תשרי, המרובה במועדות, אין דעם געוויינלעכן טאָג־טעגלעך לעבן שטייגער בשאר חדשי השנה:

שבת בראשית איז (א) דער סיום וסך־הכל פון חודש תשרי — זייענדיק דער לעצטער שבת פון דעם חודש, ווען עס ווערט די עלי' ושלימות (ויכולו[7]) פון דעם סיום המועדים פון חודש תשרי — שמיני עצרת ושמחת תורה, וועלכע קלייבן צוזאַמען (עצרת מלשון קליטה[8]) און ברענגען אַריין אין אַ פנימיות אַלע ימים טובים פון חודש תשרי; און אויך (ב) די התחלה פון דער עבודה הרגילה פון דעם קומענדיקן יאָר — זייענדיק שבת מברכים חודש מר־חשון, דער ערשטער „וואָכעדיקער" חודש פון דעם נייעם יאָר (וועלכער האָט ניט קיינע ימים טובים וכו'), ווען עס הויבט זיך אָן, כידוע[9], דער עיקר עבודה פון „ויעקב

1) לקו"ש ח"ב ע' 449. ח"כ ע' 556. וש"נ. וראה גם סה"מ תשי"א ע' 59. ספר השיחות תרצ"ו־ת"ש ע' 203.

2) בעל הטורים עקב יא, יב. אוה"ת סוכות ע' א'תשנו. סה"מ תר"ל ע' רפז. תרנ"ו ע' רעז. ועוד.

3) ראה סה"מ תקס"ו ע' שעט. אוה"ת סוכות שם. ברכה ע' א'תתסו. סה"מ תרנ"ד ע' לו. תרע"ח ע' רעח. תש"ב ע' 49. ועוד.

4) ראה ב"י או"ח סתצ"ב (ד"ה ומ"ש). שו"ע אדה"ז שם ס"ב. הוספה לשו"ע אדה"ז (להר"נ מדובראוונע) או"ח סקל"א ס"ח.

5) ראה לקו"ת תבוא מא, ג. נצבים מז, א־ב. דרושים לר"ה נח, א־ב. עטרת ראש שער ר"ה בתחלתו. אוה"ת דרושים לר"ה ע' ב'עז ואילך. ובכ"מ.

6) יחזקאל מ, א. וראה תוד"ה ואת — נדרים כג, ב. רא"ש סוף יומא. לקו"ת ר"ה נח, א. סד, א.

7) בראשית ב, א. וראה לקו"ת בהר מא, א. אוה"ת עה"פ. ועוד.

8) ראה לקו"ת שמע"צ פה, ג. פח, ד. צא, א. הנסמן בסה"מ מלוקט ח"ב ע' קלג.

9) ראה לקו"ש ח"כ שבהערה 1. וש"נ.

הלך לדרכו״[10], לדרכו דוקא — בעניני העולם ועובדין דחול, איש תחת גפנו ותחת תאנתו[11].

און וויבאַלד אַז שבת בראשית שליסט אין זיך אייןביידע ענינים — דער לעצטער שבת אין חודש תשרי, וועלכער בענטשט דעם ערשטן „וואָכע־דיקן״ חודש אין יאָר — דערפאַר גיט ער אַ ספּעציעלן כח אויף דער הנהגה פון אַ גאַנץ יאָר: (די מועדים אין) חודש תשרי עצמו — היות אַז ער איז בדרגת „רשית״[12] — איז ער אויפגעהויבן און אָפּגעטיילט (מובדל ומרומם) פון שאר חדשי השנה, ער איז אָנגעפילט (מרובה) מיט מצוות און קדושה (ובלשון ה־מדרש[13]: „מושבע בכל, גתות בתוכו, ברכות בתוכו, כפור בתוכו כו״), וב־מילא איז מען ניט אַזוי פאַרזיכערט אַז מ׳וועט קענען ממשיך זיין דעם אויפגע־הויבענעם מצב פון חודש תשרי אויך אין די איינפאַכע וואָכן־טעג פון יאָר;

משא״כ שבת בראשית, זייענדיק סיי דער אָפּשלוס פון חודש תשרי און סיי די התחלה פון דעם „וואָכעדיקן״ יאָר (אָנהויבנדיק פון (שבת מברכים) חודש חשון[14])

— כמרומז אויך אין דעם וואָרט (שבת) בראשית — פון לשון התחלה און ראש — דער אָנהויבס און קאָפּ פון דעם יאָר. נוסף לזה וואָס פ׳ בראשית איז אויך די ערשטע פרשה אין תורה, די התחלה פון קריאת כל ה(פרשיות שב)תורה, וועלכע מ׳לייענט און מיט וועלכע מ׳דאַרף לעבן[15] במשך דעם גאַנצן יאָר —

איז ער אַ „ממוצע המחבר״ ביניהם, וועלכער גיט דעם כח מיוחד אַז בהתאם צו דעם אופן ווי מ׳שטעלט זיך דעמולט אַוועק זאָל אַזוי גיין אַ גאַנץ יאָר; מ׳זאָל ממשיך זיין פון דעם מצב נעלה בחודש תשרי אין דער טאָג טעגלעכער עבודה אין וועלט, בימי החול ובעובדין דחול.

ווי ס׳איז אויך מובן פון דעם תוכן פון פ׳ בראשית (וואָס על שם זה ווערט דער שבת אָנגערופן „שבת בראשית״), וועלכע רעדט וועגן מעשה בראשית: דורך לייענען אין תורה פסוק בראשית — „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״[16] — ווערט באַנייט דער באַשאַף פון כל עניני העולם פאַר דעם נייעם יאָר (וואָרום קוב״ה אסתכל באורייתא וברא עלמא, בר נש אסתכל בה ב־אורייתא ומקיים עלמא[17]). וואָס דאָס גיט דעם כח צו אַוועקשטעלן ווי־עס־דאַרף־צו־זיין די עבודה בעניני העולם במשך דעם קומענדיקן יאָר.

ב. דער ענין אין דעם ווערט מען קלערער פאַרשטיין לויט דברי חז״ל בדיוק הלשון „בראשית״ [„מקדם ברא אלקים אין כתיב כאן, ומתחילה אין

10) ל׳ הכתוב — ויצא לב, ב.

11) ל׳ הכתוב — מ״א ה, ה. מיכה ד, ד.

12) ובפרט ש„רשית (השנה)״ חסר אל״ף כתיב (עקב יא, יב), המורה על הסתלקות האור כו׳ (תניא אגה״ק סי״ד). ויש לפרש החסר למעליותא — שבתיבת „רשית״ בחי׳ אל״ף אותיות פלא היא למעלה מגילוי והתלבשות בהכתיב, שזה מורה על שלימות ענין הפלא, שמובדל ומרומם ולמעלה מכל גדר גילוי כו׳. וראה לקמן ס״ח.

13) ויק״ר פכ״ט, ח.

14) ור״ח חשון הוא לעולם ב׳ ימים: א׳ דר״ח הוא יום שלשים בתשרי (אותיות „רשית״), וב׳ דר״ח הוא א׳ חשון (התחלת עבודה הרגילה בשנה).

15) „היום יום״ ב חשון. ספר השיחות תש״ב ע׳ 29.

16) בראשית א, א.

17) זהר ח״ב קסא, ריש ע״ב.

כתיב כאן, אלא בראשית"[18] — „בשביל התורה שנקראת[19] ראשית דרכו ובשביל ישראל שנקראו[20] ראשית תבואתו"[21].

וויבאַלד אַז די דרשה פון חז"ל איז אויף דעם וואָרט „בראשית" — וואָס באַציט זיך בפשטות הכתובים צו ראשית פון בריאת שמים וארץ מיט אַלע פרטי הבריאה (ווי עס רעדט זיך בהמשך הכתובים) — איז מסתבר זאָגן, ובפרט ע"פ הידוע[22] אַז צוויי פירושים אין איין וואָרט האָבן צווישן זיך אַ שייכות (ווי מ'זעט עס אין דעם לימוד פון „שעטנז", „שוע טווי ונוז"[23]), אַז די דרשה קומט ניט שולל זיין דעם פירוש הפשוט אין „בראשית" (אַז דאָס גייט אויף ראשית הבריאה), נאָר עס קומט מוסיף זיין דעם דרש, אַז דאָס גייט אויף תורה וישראל שנקראו „ראשית".

לפי"ז דאַרף מען האָבן אַ ביאור אין דער שייכות צווישן דעם פירוש חז"ל און דעם פירוש הפשוט — בפשטות זיינען זיי גאָר פירושים מן הקצה אל הקצה: לויט דרשת חז"ל גייט „בראשית" ניט אויף בריאת העולם, נאָר אויף תורה וישראל („בשביל התורה כו' ובשביל ישראל") — וואָס זיי זיינען קדמו ל־בריאה ושלא בערך העכער פון דער בריאה?

די קשיא איז נאָך שטאַרקער לויט פרש"י עה"פ, וועלכער ברענגט ביידע פירושים, וז"ל: „אין המקרא הזה [„בראשית ברא"] אומר אלא דרשוני, כמ"ש רז"ל בשביל התורה כו' ובשביל ישראל כו'". דערנאָך איז רש"י ממשיך: „ואם באת לפרש כפשוטו כך פרשהו, בראשית בריית שמים והארץ והארץ היתה תהו ובהו וחושך וגו' (דעמולט איז געווען) ויאמר אלקים יהי אור כו', שאין לך ראשית בתורה שאינו דבוק לתיבה שלאחריו".

איז ניט פאַרשטאַנדיק: וויבאַלד אַז „בראשית ברא" גייט בפשטות הכתובים אויף בריאת השמים והארץ, און רש"י אַליין זאָגט אַז זיין צווייטער פירוש (אַז „בראשית" באַציט זיך צו דער בריאה) איז „כפשוטו", משא"כ דער ערשטער פירוש איז „דרשוני" — פאַרוואָס ברענגט רש"י בכלל די דרשה (וואָס ענינו פון פירוש רש"י איז פשוטו של מקרא), אַז „בראשית" גייט גאָר אויף כוונת הבריאה (תורה וישראל) וועלכע זיינען קדמו ושלא בערך העכער פאַר דער בריאה? אפילו אויב רש"י דאַרף (מאיזה סיבה) ברענגען די דרשה, האָט ער עכ"פ געדאַרפט מקדים זיין דעם פירוש „כפשוטו"?!

נאָכמער: בנוגע צו כללות פתיחת התורה מיט „בראשית ברא גו'" איז רש"י מפרש (בפירושו לפני זה), אַז „לא הי' צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם[24] שהיא מצוה ראשונה שנצטוו

18) תנחומא (באבער) בראשית ג. ועד"ז ביל"ש עה"פ (רמז ב). מדרש לקח טוב עה"פ.

19) משלי ח, כב.

20) ירמי' ב, ג.

21) פרש"י ורמב"ן עה"פ. — ובתנחומא שם: מהו בראשית אלו ישראל שנקראו ראשית (וראה תנחומא שם ה בנוגע לתורה). וביל"ש שם: אלא בראשית בזכות ישראל ראשית. וכ"ה בלק"ט שם.

ובב"ר עה"פ (פ"א, ד): ששה דברים קדמו לבריה"ע כו' וישראל כו' מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר. ובויק"ר פל"ו, ד: שמים וארץ לא נבראו אלא בזכות ישראל דכתיב בראשית ברא אלקים ואין ראשית אלא ישראל. וביל"ש ירמי' רמז רסד: לא נברא העולם אלא בזכות ישראל שנאמר ראשית תבואתו וכתיב בראשית ברא אלקים.

22) ראה לקו"ש ח"ג ע' 782. ובכ"מ.

23) נדה סא, ב.

24) בא יב, ב.

בה ישראל, ומה טעם פתח בבראשית כו'". וואָס דערפון איז מובן, אַז התחלת התורה איז ניט בענין תורה (ומצוות) וישראל, נאָר בנוגע צו דער בריאה עצ־מה („כח מעשיו הגיד לעמו"[25]). ואעפ"כ ברענגט דערנאָך רש"י אַז „בראשית" גייט (ניט אויף דער בריאה, נאָר) אויף תורה וישראל[26]!

ג. ויש לומר דער ביאור אין דעם:

פון לשון חז"ל אַז „בראשית" מיינט כוונת ותכלית כל הבריאה — „בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית" — איז מובן, אַז דאָס וואָס תורה וישראל זיינען „ראשית" („מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר"[27]) רעדט זיך ניט (נאָר) ווי זיי זיינען לגמרי העכער פון דער בריאה (וואָרום דעמולט פאַסט ניט זאָגן אַז זיי זיינען „ראשית" פון דער בריאה, און אַז די בריאה איז באַשאַפן געוואָרן בשבי־לם, וואָס דאָס ווייזט אויף אַ שייכות ביניהם), נאָר (בעיקר) אַז (דאָס שפיגלט זיך אָפּ אויך למטה, אַז) ווי זיי זיינען אַ טייל פון דער בריאה — זיינען זיי „ראשית" הבריאה, וואָס בשבילם נברא העולם.

ווי פאַרשטאַנדיק פון דעם לשון „ראשית" גופא: „ראשית" — ווי אין „ראשית תבואתה" (וואָס גייט אויף אידן) — באַדייט אַז דער „ראשית" איז מלכת־חילה (ניט אָפּגעטיילט פון די איבעריקע תבואה, נאָר ער געפינט זיך) צוזאַמען אַלס איין זאַך מיט די גאַנצע תבואה, און דערנאָך קלייבט מען אים אויס אַלס „ראשית תבואתו".

וועט מען עס פאַרשטיין לויט דעם ביאור אין תניא אין לשון התפלה[28] — „ובנו בחרת מכל עם ולשון":

דער אַלטער רבי איז מבאר אין תניא[29], אַז „ובנו בחרת מכל עם ולשון הוא הגוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אומות העולם". וואָרום[30]: בחירה איז שייך צו זאָגן דוקא צווישן זאַכן וועלכע זיינען גלייך איינע צו דער צווייטער (בענין המבוקש): באַ זאַכן וואָס האָבן ניט קיין צדדים שווים, קיין געמיינזאַמע תכונות צווישן זיך, זיי גע־פינען זיך אין צוויי באַזונדערע ערטער אָדער דרגות, פּאַסט ניט זאָגן בחירה, וואָרום עס ווענדט זיך וואָס מען וויל, און וואו מ'געפינט זיך, וממה־נפשך: אָדער דער בוחר (ורצונו) געפינט זיך „במקום" פון דער ערשטער זאַך, אָדער „במקום" פון דער צווייטער זאַך.

און דאָס וואָס ער איז בוחר אין איינער פון זיי (און ניט אין דעם צווייטן) איז ניט צוליב קיין טעם, נאָר ווייל כך בחר. אויב ער קלייבט עפּעס אויס צוליב אַ טעם (צוליב די מעלה אין דער זאַך) — איז דאָס אויך ניט קיין בחירה אמיתית, בחירה חפשית — וואָרום דער טעם איז פועל אַ נטי' וואָס איז אים מכריח צו אויסקלייבן די זאַך; בחירה אמיתית (בחירה חפשית) איז בשעת ס'איז ניטאָ אויף דעם קיין טעם און קיין נטי'

25) תהלים קיא, ו.

26) אבל ראה תו"ח פרשתנו ד"ה בראשית הב' פ"ד (ח, א), שבזה מבאר רש"י שטעם הפתיחה עם „בראשית" (שאם יאמרו אוה"ע לישראל כו'), הוא מפני שבריאת העולם היא בשביל התורה ובשביל ישראל, ששלימות עבודתם היא בארץ ישראל. וראה לקמן ס"ה.

27) ב"ר פ"א, ד.

28) בברכת „אהבת עולם" דתפלת שחרית.

29) פרק מט (סט, סע"ב ואילך).

30) ראה גם לקו"ש חכ"ג ע' 219. סה"ש תשמ"ז — שיחת ש"פ ראה ס"ד.

כו', מערניט וואָס ער איז אַזוי בוחר ווייל אַזוי וויל ער.

דערפאַר איז בחירה אמיתית שייך זאָגן נאָר בנוגע דעם גוף וואָס איז „נדמה בחומריותו לגופי אוה"ע": בשעת עס רעדט זיך וועגן דער נשמה פון אַ אידן – איז ניט שייך זאָגן „ובנו בחרת", וואָרום די אידישע נשמה, וועלכע איז אַ „חלק אלוקה ממעל ממש"[31], האָט קיין פאַרגלייך ניט צו אומות העולם ל־הבדיל, במילא פאַסט אויף דעם ניט קיין בחירה. עד"ז בכללות – ווען עס רעדט זיך וועגן אידן ווי זיי שטייען העכער פאַר כל עניני העולם ואוה"ע – איז אויך ניט שייך זאָגן בחירה. דוקא אין דעם גוף פון אַ אידן, וועלכער געפינט זיך למטה בין העמים, און איז „נדמה" לגופי אוה"ע – איז שייך דער ענין פון „ובנו בחרת", „בך בחר ה' אלקיך להיות לו לעם סגולה מכל העמים (דוקא)"[32], „אתה בחרתנו (דוקא) מכל העמים"[33].

נאָכמער: דער דיוק לשון התניא איז „גוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אוה"ע", און ניט „גוף הגשמי הנדמה בגשמיותו" – וואָרום: אויך דער גוף הגשמי פון אַ אידן איז אַנדערש (אויך) בגשמיותו פון גופי אוה"ע (מצד דעם זיכוך הגוף (דם ובשר) וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך כשרות האכילה ושתי' (וואָס ווערט דם ובשר כבשרו[34]), וכיו"ב), במילא איז אויף דעם ניט שייך בחירה אמיתית, ווייל אין דעם טיילט זיך אויס אַ איד פון אַ ניט־איד. דוקא אין דעם „גוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אוה"ע" – וואָס חומריות איז די דרגא הכי תחתונה [כפשטות הענין, אַז חומר איז מיסוד העפר, דער יסוד ונברא הכי תחתון, והכל דשין עלי'[35]], וואָס דעריבער איז דאָס „נדמה (בחומריותו) לגופי אוה"ע" – אָט אויף דעם (דאַרף מען אָנקומען און עס) איז געוועןן „ובנו בחרת מכל עם ולשון", די בחירה פון דעם אויבערשטן שלמעלה מטעם ודעת אין דער „גוף החומרי" פון אידן.

[און דעריבער איז ניט שייך אַז די כוכבים ומזלות פון אוה"ע זאָלן אויף דעם פרעגן אַ שאלה: אוה"ע זיינען דאָך אויך ברואים של הקב"ה (אַזוי ווי אידן) און דאַרפן באַקומען זייער שפּייז פון דעם אויבערשטן גלייך ווי אַלע נבראים (כולל אידן), ביז ווי די טענה פון לעו"ז איז געוועןן אַז „הללו עובדי ע"ז והללו עובדי ע"ז"[36] – איז פאַרוואָס זיינען אידן אויסגעטיילט? וואָרום „ובנו בחרת מכל עם ולשון", וואָס בחירה איז דוקא אין אַן אָרט וואו ס'איז דאָ אַ דמיון צווישן צוויי זאַכן, און ער איז בוחר אין איינער פון זיי, בלי שום טעם].

דערפון איז מובן, אַז דאָס וואָס ישראל זיינען „ראשית" פון דער בריאה איז ניט נאָר בנוגע צו דער נשמה (וועלכע איז מובדלת מעולם) נאָר אויך בנוגע צו דעם גוף. ואדרבה: אין דעם גוף החומרי פון אַ אידן אין וועלכן ער איז גלייך לאוה"ע (הנדמה בחומריותו לגופי אוה"ע) איז דאָ אַן עילוי לגבי די מעלה וואָס אידן פאַרמאָגן מצ"ע (מצד זייער נשמה אָדער מצד תכונותיהם וגוף הגשמי כו') – וואָרום דוקא אין דעם ווערט נתגלה די בחירה פון דעם

---

31) איוב לא, ב. תניא רפ"ב.

32) ואתחנן ז, ו. ועד"ז בפ' ראה יג, ב.

33) נוסח תפלת יו"ט.

34) ל' התניא פ"ה (ט, סע"ב).

35) ראה ב"ר פמ"א, ט ובמ"כ שם. וראה תו"א ויגש מג, סע"ד.

36) ראה זח"ב קע, ריש ע"ב (מכילתא בשלח יד, כח). ועוד.

אויבערשטן, וואָס בחירה אמיתית איז נאָר אין עצמות ומהות[37] (שאין לו עילה וסיבה שקדמה לו ח״ו[38]).

וי״ל אַז מעין ובדוגמת ווי דאָס איז בנוגע צו ישראל, אַזוי איז דאָס אויך בנוגע צו תורה[39] (דער צווייטער „ראשית״) — אַז די שלימות פון תורה איז דוקא ווי זי איז געגעבן געוואָרן למטה, ובאופן אַז תורה לא בשמים היא[40], און פסקי דיני התורה זיינען תלוי דוקא אין הכרעת השכל הגשמי פון אידן[41], ביז אַז תורה „נסעה וירדה כו׳ עד שנתלבשה בדברים גשמיים ועניני עולם הזה שהן רוב מצוות התורה ככולם והלכותיהן ובצירופי אותיות גשמיות בדיו על הספר כו׳״[42]: און ווי תורה געפינט זיך למטה — ווערט נתגלה איר מעלה העצמית, ובלשון הפיוט[43]: „טוב סחרה מכל סחורה מפז ומפנינים יקרה״, אַז אויך ווי תורה איז אין „עולם הסחורה״, זעט מען ווי „טוב סחרה מכל סחורה כו׳״, און אַז לימוד התורה איז אסור לאוה״ע[44], ע״ד ווי גערעדט פריער בנוגע צו דעם גוף החומרי פון אַ אידן [אָבער מיט דעם חילוק עיקרי צווישן תורה וישראל[45], אַז תורה אויך ווי זי איז יורד למטה בלייבט זי בקדושתה[46], משא״כ דער גוף פון אַ אידן איז אַ יש נברא[45] גשמי וחומרי; ולאידך — איז „ובנו בחרת״ (בחירת העצמות) דוקא אין דעם גוף הגשמי פון אַ אידן, וואָס מחשבתן של ישראל קדמה אפילו לתורה[47] (דעריבער איז תורה ניט קיין תנאי אין בחירת העצמות בהגוף)[48]].

ד. עפ״ז איז פאַרשטאַנדיק דער חי־דוש אין דעם פירוש חז״ל אין „בראשית״ — „בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית״:

דער עיקר אויפטו אין דעם איז ניט אַז תורה וישראל זיינען „ראשית״ בעצם (מצ״ע), אינגאַנצן העכער פאַר דער בריאה, נאָר אַז אויך ווי זיי געפינען זיך אין דער בריאה, ביז אין דעם גוף החומרי פון אידן, ווערט נתגלה ווי זיי זיינען „ראשית״ פון כל הבריאה (אַז בשבילם נברא העולם).

און דאָס איז דער תיווך צווישן דיביידע פירושים אין „בראשית״ (ראשית הבריאה, און תורה וישראל שנקראו ראשית שלמעלה מהבריאה) — אַז דאָס

---

37) ראה לקו״ש חכ״ג ע׳ 219. וש״נ.

38) ראה תניא אגה״ק ס״כ (קל, סע״א ואילך).

39) להעיר מנוסח ברכת ההפטרה: הבוחר בתורה („על שם ודעת מחרוץ נבחר״ (משלי ח, י) — אבודרהם סדר שחרית של שבת ופירושה) כו׳ ובישראל עמו.

40) נצבים ל, יב.

41) ראה ב״מ נט, ב. שבת פט, א. שמו״ר פט״ו, ב. וראה ב״מ פו, א (וראה כס״מ לרמב״ם הל׳ טומאת צרעת ספ״ב).

42) תניא פ״ד (ח, ב).

43) „שישו ושמחו בשמח״ת״.

44) עד שעכו״ם שעוסק בתורה ה״ז היפך מציאותו, „חייב מיתה״ (סנהדרין נט, רע״א. רמב״ם הל׳ מלכים פ״י ה״ט), ו„לא יעסוק אלא בשבע מצות שלהן בלבד״ (רמב״ם שם).

45) ראה סה״מ תש״ה ס״ע 122 ואילך.

46) כמאחז״ל „אין דברי תורה מקבלין טומאה״ (ברכות כב, א).

47) ראה תדבא״ר „שני* דברים קדמו לעולם תורה וישראל ואיני יודע איזה מהם קודם, כשהוא אומר צו את בני ישראל דבר אל בני ישראל אומר אני ישראל קדמו״.

48) ראה סה״ש תנש״א ח״ב ע׳ 19־816.

*) כן מובא בכ״מ בדא״ח (סה״מ ה׳ש״ת ע׳ 61. ועד״ז סה״מ תש״ה ע׳ 121. ועוד) מתדבא״ר. ובתדבא״ר שלפנינו (פי״ד) — גירסא אחרת. וראה ב״ר פ״א, ד. וראה לקמן ע׳ 116 ואילך (הערה 20; 24).

וואָס תורה וישראל זיינען למעלה מה־בריאה (ראשית) ווערט אַ חלק פון דער בריאה עצמה: וואָרום תורה וישראל ווערן אַ חלק פון דער בריאה („בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ" בפירושו הפשוט), ביז אַז דער גוף ה־חומרי (פון ישראל) איז „נדמה בחומריו־תו לגופי אוה"ע" (ולולא ענין הבחירה איז ניטאָ קיין חילוק צווישן זיי) — און אין דער דרגא גופא (אין דער בריאה) ווערט נתגלה וניכר בכל העולם אַז זיי זיינען „ראשית" פון דער וועלט (ווי דער פירוש הדרש).

און דעריבער איז רש"י מקדים דעם פירוש („דרשוני") „בשביל התורה כו' ובשביל ישראל" — ווייל ניט נאָר וואָס דאָס איז קיין סתירה ניט צו מציאות ה־עולם (דער פירוש הפשוט אין „בראשית ברא"), נאָר אדרבה: אין דעם באַשטייט שלימות העולם עצמה, און דאָס איז מגלה די פנימיות הכוונה אין מציאות העולם — אַז די גאַנצע בריאה פון „את השמים ואת הארץ" איז בכדי אַרויס־ברענגען די מעלת הבחירה אין ישראל (און תורה), ביז אַז אין דער וועלט זאָל זיך אָנהערן בפשטות די מעלה אַז תורה וישראל זיינען „ראשית" בערך צו די אַנדערע טיילן פון דער בריאה[49].

ויש לקשר זה אויך מיט סיום פרשת בראשית (נעוץ תחלתן בסופן וסופן בתחלתן[50]) — „ונח מצא חן בעיני ה'": מצא חן בעיני ה' איז למעלה מכל ענין של טעם כו'[51], ע"ד דער ענין פון בחירה. וע"פ הידוע אַז זכירת נח „וגם את נח באהבה זכרת" (אין די פסוקי זכרונות בראש השנה) איז „מצד עצם מעלת נש"י"[52] (למעלה מטעם ודעת כו'), יש לומר אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט התחלת הפרשה „בראשית", „בשביל ישראל שנקראו ראשית". און דאָס ווערט אַזוי נתגלה בעולם — אַז צוליב דעם וואָס „נח מצא חן בעיני ה'" האָט אים דער אויבערשטער מציל געווען פון מבול. ביז אַז דאָס האָט אויך געבראַכט צו „אלה תולדות נח נח"[53], נייחא לעליונים ונייחא לתחתונים[54], אַז אויך אין תחתונים (גשמיות וחומריות העולם) איז געוואָרן נייחא.

ה. דערמיט וועט מען אויך פאַר־שטיין די שייכות מיט דעם ערשטן פירוש רש"י אויף „בראשית" — „לא הי' צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם כו' ומה טעם פתח בבראשית משום כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים, שאם יאמרו אומות העולם לישראל לסטים אתם שכבשתם ארצות שבעה גוים, הם אומרים להם כל הארץ של הקב"ה היא, הוא בראה ונתנה לאשר ישר בעיניו, ברצונו נתנה להם וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו":

דער חידוש בזה איז, ניט אַז תורה וישראל זיינען העכער פאַר עולם (ווי דאָס שטייט בהדגשה אין מצוות התורה אָנהויבנדיק פון „החודש הזה לכם", וועלכע זיינען געגעבן געוואָרן דוקא צו אידן), נאָר אפילו ווי אידן געפינען זיך

49) ראה תו"ח שבהערה 26 (ז, ג) שגם לפי פירוש השני בפרש"י („בראשית בריית שמים וארץ כו' יהי אור") נרמז שזהו „בשביל התורה כו' ובשביל ישראל", שזהו"ע ד„ויהי אור" — אור דתורה ומצוות.

50) ספר יצירה פ"א מ"ז.

51) ראה לקו"ש ח"ה ריש ע' 46. וש"נ.

52) המשך תער"ב ח"א ע' תח.

53) ר"פ נח.

54) ב"ר פ"ל, ה. וראה גם זח"א נח, ב.

אין עוה"ז הגשמי והחומרי צוזאַמען מיט אוה"ע (וואָס „ברא אלקים" אַלעמען גלייך בחומריותם, „כל הארץ של הקב"ה היא" בשוה), און ס'איז דאָ אַן אָרט אויף אַ טענה אַז „לסטים אתם שכבשתם ארצות שבעה גוים", זייענדיק „נחלת גוים" וואָס דער אויבערשטער „ברצונו נתנה להם" — ווערט דאָרטן נתגלה אַז „אתה בחרתנו מכל העמים", און „כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים", וואָרום כשם ווי דער אויבערשטער האָט בוחר געווען אין אידן, האָט ער אויך בוחר געווען — „ברצונו נטלה מהם ונתנה לנו" — צו אָפּגעבן ארץ ישראל[55], דער ארץ הנבחרת (מבין כל הארצות)[56] צו זיין עם הנבחר.

ולהוסיף, אַז דורך דעם וואָס „נתנה לנו" (ברצונו ובבחירתו) ארץ ישראל הגשמית, דריקט זיך אויס בגלוי אין עוה"ז הגשמי והחומרי, בחירתו של הקב"ה אין עם ישראל (אויך ווי זיי שטייען אין חומריות העולם).

ויש לקשר זה אויך מיט המשך ה־פרשיות: נאָך פ' בראשית און פ' נח (כנ"ל סוס"ד), קומט מען צו פ' לך לך, וואו עס רעדט זיך ווי דער אויבערשטער זאָגט אברם „לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך". הגם וואָס אברם געפינט זיך אין גשמיות וחומריות העולם — „ארצך", „מולדתך" און „בית אביך" — דאַרף ער פון דאָרט אַוועקגיין און זיך דערפון אָפּשיידן און גיין „אל הארץ אשר אראך", און דער אויבערשטער גיט אים דערנאָך אָפּ ארץ ישראל (די שבעה ארצות און קיני קניזי וקדמוני[57]) אַלס אַ נחלת עולם[58] פאַר אידן. און דורך דעם ווערט „אראך" אויך בפירושו הפנימי[59] — „אראה ואגלה אותך בעצמך", אַז דורך דעם וואָס ביי אים איז געווען אַ הליכה שלא בערך, איז דער אויבערשטער מגלה — דורך בחירתו אין אידן — די אמת'ע מציאות פון אברהם און פון יעדער איד (ווער און וואָס ער איז).

ו. ע"פ הנ"ל איז אויך מובן דער עילוי פון שבת בראשית (ווען מ'לייענט בתורה גאַנץ פ' בראשית), אַז ווי מ'שטעלט זיך דעמולט אַוועק אַזוי גייט עס:

יש לומר אַז די צוויי מעלות הנ"ל אין אידן (ווי זיי שטייען (מצד נשמתם) למעלה מעולם, און מעלתם בעולם מצד „אתה בחרתנו") שטעלן זיך אויס (בכללות) בזמן השנה אין דער אונטערשייד צווישן חודש תשרי און שאר חדשי השנה: אין חודש תשרי, המרובה במועדות, שטייט בגלוי (בעיקר) ווי אידן זיינען למעלה מהנהגת העולם. ובמיוחד אין שמע"צ ושמח"ת (סיום המועדים) — ווען ס'איז דער מצב פון „יהיו לך לבדך ואין לזרים אתך"[60], „אנא ומלכא בלחודוהי"[61], און מ'זעט ווי אידן פרייען זין מיט דער תורה, שטייענדיק העכער פאַר כל הענינים; און אין שאר חדשי השנה — איז (בעיקר) די עבודה אין עולם.

און אין שבת בראשית (דער סיום פון תשרי און די התחלה פון די חדשי

55) ראה תו"ח שבהערה 26.

56) מכילתא בתחלתו.

57) לך לך טו, יח ואילך.

58) כמ"ש לפנ"ז (יג, טו) „לך אתננה ולזרעך עד עולם".

59) תו"א לך יא, ב. וראה סה"ש תשמ"ט ח"א ע' 39 ואילך.

60) משלי ה, יז. שמו"ר פט"ו, כג.

61) ראה זח"ג לב, א. וראה זח"א רח, ב. — וראה סה"מ מלוקט ח"א ע' שסג. וש"נ.

השנה, אָנהויבנדיק פון שבת מברכים חשון) האָט מעןביידע ענינים: די מעלה פון תורה וישראל ווי זיי זיינען „ראשית" בעצם (למעלה מעולם), און ווי זיי זיינען „ראשית" פון וועלט. און דעריבער באַקומט מען דעמולט דעם כח, אַז איידער מ'גייט אַרויס פון חודש תשרי צו טאָן די עבודה אין וועלט, יעדערער אין זיין פערזענלעכע שליחות אין טאָג־טעגלעכן לעבן, לייענט מען אין תורה „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", אַז „בראשית" מיינט „בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית" — וואָס דאָס גיט דעם כח אַז ווי מ'שטעלט זיך אַוועק אין שבת בראשית זאָל עס אַזוי גיין במשך דעם גאַנצן יאָר, אַז אויך אין דער עבודה בעובדין דחול בגשמיות וחומריות העולם, זאָל זיך אָנהערן די מעלה פון אידן אַלס דעם עם הנבחר, „אתה בחרתנו מכל העמים".

ז. ע"פ הנ"ל — אַז די מעלה פון אידן אַלס דעם עם הנבחר קומט אַרויס בגלוי אויך (ואדרבה — דוקא) ווי זיי שטייען אין עוה"ז הגשמי והחומרי — האָט מען אַרויס אַ נפק"מ בפועל, וועלכע איז אַן עיקר ויסוד אין דעם אופן ווי אַ איד דאַרף טאָן זיין עבודה, ובפרט אין זמן הגלות:

וויבאַלד אַז אַלץ — די גאַנצע וועלט — איז באַשאַפן געוואָרן „בשביל ישראל", און דאָס קומט אַרויס אויך בעוה"ז הגשמי והחומרי אין דעם „ובנו בחרת" בגוף החומרי פון אַ אידן „הנדמה בחומריותו לגופי אוה"ע" — איז פאַרשטאַנדיק אַז אין יעדער מעמד ומצב, בכל זמן ובכל מקום, אפילו אין אַ מצב חומרי ביותר, אפילו אין זמן הגלות — שטייען אידן בדרגת „ראשית", העכער פון אַלע זאַכן, ואדרבה — בשבילם נברא הכל, זייענדיק דער עם הנבחר אין וועלכן דער אויבערשטער האָט בוחר געווען (וואָס אין דער בחירה איז ניט שייך קיין שינוי).

[אויב די גאַנצע מעלה פון אַ אידן אַלס „ראשית" וואָלט באַשטאַנען נאָר אין מעלת הנשמה און אין דער מעלה פון זיינע תכונות הנפש והגוף לגבי אוה"ע — וואָלט דעמולט געהאַט אַן אָרט צו זאָגן, אַז דאָס איז נאָר אין אַ מצב ובתנאי ווען די נשמה איז מאיר בגלוי, אָבער ניט אין אַ מצב פון העלם והסתר אויף גילוי הנשמה, ווי אין זמן הגלות; וויבאַלד אָבער אַז „ובנו בחרת מכל עם ולשון הוא הגוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אוה"ע", איז די בחירה דאָ אַלע־מאָל].

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז אפילו ווען אידן געפינען זיך אין גלות תחת שעבוד מלכיות, „מפני חטאינו גלינו מארצנו"[62] — איז הגם אַז מ'זעט דעמולט ניט בגלוי ווי די נשמה איז בדרגת „ראשית" — איז אָבער דער גוף הגשמי והחומרי פון אידן בדרגת „ראשית", צוליב בחירתו של הקב"ה אין דעם גוף — און דעריבער איז מובן, אַז ניט נאָר וואָס אידן זיינען דעמולט ניט תחת השליטה פון אוה"ע ח"ו (ניט נאָר מצד זייערע נשמות נאָר אויך מצד זייערע גופים[63]), נאָר אדרבה: זיי זיינען (אויך בזמן הגלות) „ראשית" כל הבריאה, און בשבילם נבראו אַלע אוה"ע ושאר חלקי

62) נוסח תפלת מוסף דיו"ט.

63) ומה שאמר כ"ק מו"ח אדמו"ר ש„רק גופותינו נמסרו לגלות ושעבוד מלכיות" (שיחת ג' תמוז תרפ"ז — סה"מ תרפ"ז ע' קצו. ובכ"מ) — הפירוש בזה בנוגע להענינים שבהם „דינא דמלכותא דינא" וכיו"ב, ובנוגע לזה שבזמן הגלות חלק מהשפעת החסדים לישראל עובר להם באמצעות אוה"ע, כדלקמן בפנים.

העולם. [ביז אַז די גדלות פון אוה"ע איז גאָר תלוי אין אידן, כדאיתא[64], אַז „בכל דור ובכל זמן, אומה שישראל תחתם בגלות מתנשאת על כל הגוים"].

ואע"פ אַז אין גלות געפינען זיך אידן אין „שעבוד מלכיות"[65], און מ'האָט דעם ציווי פון „דינא דמלכותא דינא"[66], און „לא ימרדו באומות"[67], אל תתגרה בגוים[68], וכיו"ב — איז דער טעם אויף דעם, ניט דערפאַר וואָס אידן האָבן אַ מורא ופחד פאַר אוה"ע (בזמן הגלות) ח"ו, וואָרום אדרבה: אידן זיינען בבחי' „ראשית" וואָס בשבילם נברא האוה"ע, נאָר דער פירוש אין דעם איז, ע"ד ווי דער ציווי „אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה"[69] (ועד"ז בנוגע צו עמון[70]), אַז דאָס איז ניט (כאילו ווי אַן עצה טובה) צוליב דעם וואָס אידן דאַרפן פאַר זיי מורא האָבן (צוליב זייער כח) און מ'דאַרף צו זיי אָנקומען, נאָר ווי ס'איז מפורש אין פסוק[69] דער טעם: „כי לא אתן לך מארצו ירושה כי לבני לוט נתתי את ער ירושה". ד.ה. אַז אַזוי האָט דער אויבערשטער איינגעשטעלט דעם סדר, אַז כשם ווי „ברצונו נתנה לנו" ארץ ישראל, אַזוי איז „ברצונו נתנה להם" ארצות עמון ומואב, און ניט צו אידן, און דעריבער „אל תתגר בם מלחמה"[71].

ועד"ז בנוגע צו אל תתגרה באומות און דינא דמלכותא דינא (וכיו"ב), אַז דאָס איז ניט צוליב פחד[72] ח"ו, נאָר ווייל דער אויבערשטער האָט איינגעשטעלט און אָנגעזאָגט אַז אַזוי דאַרף זיין דער סדר בזמן הגלות: אָבער ס'איז מובן ופשוט אַז דאָס רירט כלל וכלל ניט אָן דאָס וואָס אידן זיינען (אויך בזמן הגלות) דער עם הנבחר, „ראשית" פון כל העולם וכל אוה"ע.

דאָס הייסט אַז נוסף לזה וואָס „דינא דמלכותא דינא" איז נאָר בנוגע צו געוויסע ענינים גשמיים (דיני ממונות, מיסים וארנוניות[73] וכיו"ב), אָבער ניט בנוגע צו ענינים פון תורה ומצוות אין וועלכע מ'האָט אַ קלאָרע הוראה אין תורה[74] [ובלשון כ"ק מו"ח אדמו"ר[75]: אונזערע נשמות האָט מען אין גלות ניט פאַרטריבען, און אין שעבוד מלכיות ניט איבערגעגעבן] — איז אויך בנוגע צו די גופים און גשמיות (וחומריות) פון אַ איד, בלייבט ער אַלעמאָל „ראשית" און

64) תו"ח לך צב, א. וראה חגיגה יג, ב. מכילתא בשלח יד, ה. זח"ב ז, א.

65) ראה ברכות לד, ב. וש"נ. ועוד.

66) גיטין י, ב. וש"נ. וראה בארוכה אנציק־לופדי' תלמודית בערכו (כרך ז ע' רצה ואילך). וש"נ.

67) כתובות קיא, רע"א.

68) ראה פסחים קיג, א.

69) דברים ב, ט.

70) שם, יט.

71) ועפ"ז מובן מה ש„לא אסר להם על מואב אלא מלחמה אבל מיראים היו אותם כו', אבל בבני עמון נאמר ואל תתגר בם שום גרוי בשכר כו'" (פרש"י שם, ט). וגם מה ש„עמון ומואב טיהרו בסיחון" (גיטין לח, א) — כי האיסור הוא מפני ציווי ה' „אל תתגר בם מלחמה", אבל באופן המותר „מיראים היו אותם", ועד שאפשר לכובשם (ע"י סיחון).

72) ולהעיר ממאחז"ל (ברכות ז, ב): א"ר יוחנן משום רשב"י מותר להתגרות ברשעים בעולם הזה כו'.

73) ראה שו"ע חו"מ סשס"ט ס"ח. שו"ע אדה"ז הל' גזילה וגניבה סי"ט. מקומות שבהערה הבאה.

74) ראה ספר השיחות תש"ג ע' 83 (ושם, שכן הוא בנוגע למנהג ישראל, שתורה הוא). וראה ויק"ר ספל"ג, הובא בפרש"י דניאל ג, טז (בנוגע למסים וארנוניות). ובבחיי ר"פ מטות (בנוגע לכל התומ"צ).

75) שיחת ג' תמוז תרפ"ז (סה"מ תרפ"ז ע' קצו. ובכ"מ).

למעלה פון אוה"ע, און דאָס וואָס „דינא דמלכותא דינא" איז ניט דערפאַר וואָס ער איז תחת שעבוד וממשלת אוה"ע[76], נאָר ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער איינגעשטעלט דעם סדר אין גלות („מפני חטאינו").

דערפון איז אויך מובן בנוגע צו די חסדים וואָס מ'באַקומט דורך חסידי אוה"ע בזמן הגלות, וואָס דערפאַר דאַרף מען זיי אָפּדאַנקען, ביז אַז „ודרשו את שלום העיר גו' כי בשלומה יהי' לכם שלום"[77] – אַז דאָס איז ניט ווייל אידן דאַרפן אָנקומען צו זייערע חסדים ח"ו, דאדרבה: „חסד לאומים חטאת"[78]: און בשעת מ'באַקומט פון זיי חסדים וואָס העלפן אַרויס אידן אין תומ"צ – איז דאָס ניט „חסד לאומים", נאָר חסד פון דעם אויבערשטן (וואָס ער איז ממשיך צו אידן דורך אוה"ע, ווייל אַזוי וויל דער אויבערשטער עס זאָל זיין דער סדר בזמן הזה), ובמילא איז דאָס ניט „חטאת" ח"ו.

ח. ולהוסיף, אַז דער ענין הנ"ל אין שבת בראשית שטייט נאָכמער בהדגשה ובגלוי בשנה זו – ה'תשנ"ב, וועלכע אידן האָבן פאַרצייכנט אַלס ר"ת: „הי' תהא שנת נפלאות בה", און „נפלאות בכל" („בכל מכל כל")[79].

„נפלאות" – נו"ן פלאות[80] – באַדייט אַ שלימות אין דעם גילוי פון בחי' פלא, וואָס אפילו איין מאָל פלא איז מובדל ומופרש פון אַנדערע ענינים, ועאכו"כ נ' פלאות. ולהוסיף, אַז נ' איז אויך פאַר־בונדן מיט יובל שנים, וועלכער ווערט אָנגערופן „עולם"[81] (נצחיות).

און „הי' תהא שנת נפלאות בה" איז מרמז, אַז נוסף צו „שנת אראנו נפלאות" בשנה שעברה – וואָס זיכער ווערט אין דעם „מעלין בקודש"[82] בשנה זו – קומט צו בשנה זו, אַז דער יאָר וועט זיין (באופן פון תהא – בהוייתה תהא[83]) „נפלאות בה" – די נפלאות וועלן זיין (ניט בלויז אַ פרט אין יאָר, נאָר) דער ענין פון דעם יאָר, און „נפלאות בכל", אין אַלע זאַכן.

וי"ל אַז דער גילוי פון „נפלאות בה" (נפלאות וואָס זיינען אינגאַנצן מובדל ומופרש) דריקט זיך אויך אויס אין דער גילוי פון בחירתו של הקב"ה אין אידן (וואָס בחירה איז בבחי' פלא, למעלה מכל הענינים, כנ"ל).

און ווי מ'האָט שוין געזען בגלוי די נפלאות בתחלת שנה זו – בהמשך צו די נפלאות בשנה שעברה – במיוחד בקשר מיט דעם, אַז מדינה ההיא (רוסלאַנד) לאָזט אַרויס און איז מסייע טויזנטער טויזנטער אידן צו עולה זיין קיין ארץ ישראל (און אין נאָך ערטער), וואו זיי קענען לעבן אין פולע פרייהייט בחייהם הפרטיים – דער גילוי פון מעלתם של

---

76) כמ"ש „עבדי הם", „ולא עבדים לעבדים" (בהר כה, מב. ב"מ י, א). וכידוע דברי מהר"ל (גבורות ה' פס"א) שבגאולת מצרים קיבלו בנ"י מעלה עצמית דבני חורין, ואין המקרה דגלות שלאח"ז מבטל זה כלל.

77) ירמי' כט, ז. וראה אבות פ"ג מ"ב: הוי מתפלל בשלומה של מלכות כו'. ועוד.

78) משלי יד, לד. וראה ב"ב י, ב. וראה תניא ספ"א.

79) ראה לעיל ע' 22 ואילך.

80) זח"א רסא, ב.

81) קידושין טו, א. מכילתא ופרש"י משפטים כא, ו.

82) ברכות כח, א. וש"נ.

83) ראה ברכות יג, א. מגילה ט, א. יז, ריש ע"ב. בכורות ד, ב. ובכ"מ.

ישראל, באופן אַז אויך אוה"ע זיינען אין דעם מכיר און מסייע.

ובהקדים, אַז – דער גילוי והכרה בעולם און פון אוה"ע אין מעלתם של ישראל ווערט נתחזק מדור לדור, קו־מענדיק אַלס נעענטער צו דער גאולה האמיתית והשלימה, ווען עס וועט מ־קויים ווערן דער „והלכו גוים לאורך"[84], „והיו מלכים אומניך ושרותיהם מניקו־תיך"[85], וכו'.

און אַלס הכנה לזה, איז במשך הדורות – אויך אין זמן הגלות – געפינט מען אַז אפילו אוה"ע האָבן מכיר געווען אַז אידן זיינען דעם עם הנבחר. כנראה בכו"כ מדרשי חז"ל [לדוגמא: די גמרא אין זבחים[86], אַז אַ מלך פון אוה"ע האָט מסייע געווען אַז אַ איד זאָל זיין אָנגעטאָן „לכבוד ולתפארת", „אקיים בך והיו מלכים אומניך", ועוד].

וכידוע אויך, אַז אוה"ע רופן אָן אידן בלשונם (אויך ווען זיי רעדן איינער מיט דעם צווייטן) – דער „עם הנבחר".

און אין דעם איז צוגעקומען נאָכמער בדורות האחרונים[87], ובמיוחד – במדינת ארצות הברית (ועוד מדינות), וועלכע איז אַ מדינה של חסד, וואָס לאָזט אידן טאָן זייער עבודה מתוך מנוחת הנפש ומנוחת הגוף, און איז זיי נאָך מסייע בזה, און מסייע אידן אין ארץ ישראל וכו'.

ובזה גופא – איז צוגעקומען נאָכמער בשנים האחרונות, ובפרט בשנה שעברה (שנת אראנו נפלאות) און תחלת שנה זו (שנת נפלאות בה) – בנוגע צו דער היתר יציאה און סיוע פון מדינה ההיא בעליית אחינו בנ"י לארץ ישראל, כנ"ל.

ויש לומר אַז דער דרך בכל זה איז דורכגעבראָכן געוואָרן דורך די פעולות פון גדולי ישראל במשך הדורות מיט אוה"ע, ובמיוחד – פון רבותינו נשיאינו [אָנהויבנדיק פון דעם אַלטן רבי'ן, וועלכער האָט זיך געמישט אין עניני העולם, כידוע זיין השתדלות בנצחונו פון אלכנסדר איבער נאַפּאַלעיאָן לטובת בנ"י (ברוחניות). וי"ל, אַז איצטער איז אַרויס טובת בנ"י פון מדינה ההיא אויך בגשמיות, דורך סיוע פון מדינה ההיא אַז אידן זאָלן פון דאָרט אַרויסגיין, כנ"ל].

ויהי רצון, אַז אין דעם זאָל צוקומען נאָכמער און נאָכמער באופן פון מוסיף והולך ואור, ביז אַז עס זאָלן נתבטל ווערן אַלע הגבלות אין דער השפעת חסד צו אידן און אין הכרת מעלתם של ישראל און אין זייער בעלות אויף ארץ ישראל [וואָס יעדער איד – אויך בזמן הזה – האָט אַ חלק אין ארץ ישראל][88], בהתאם לדברי רש"י בריש פרשתנו: „כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים, שאם יאמרו אומות העולם לישראל לסטים אתם שכבשתם ארצות שבעה גוים, הם אומרים להם כל הארץ של הקב"ה היא, הוא בראה ונתנה לאשר ישר בעיניו, ברצונו נתנה להם וברצונו נטלה מהם ונתנה לנו" [און ווי מ'האָט בימים אלו ממש מכריז געווען אויף אַן אסיפה פון אוה"ע, אַז ארץ ישראל וב־מיוחד חברון, באַלאַנגט צו אידן, ווי עס

84) ישעי' ס, כג.

85) שם מט, כג.

86) יט, רע"א.

87) וכידוע כמה סיפורים עם רבותינו נשיאינו שאוה"ע חלקו להם כבוד (ראה לדוגמא בנוגע לאדמו"ר מהר"ש – סה"מ מלוקט ח"ד ע' כו).

88) ראה לקו"ש ח"כ ע' 309. ס' השיחות תשמ"ט ח"ב ע' 442. וש"נ.

שטייט אין תורה, ובלשונם — אין „בײַבעל״, וואָס אויך זיי האַלטן עס פאַר אַ ספר קדוש].

ט. מכל הנ״ל איז פאַרשטאַנדיק בפשטות וויפל ס׳איז מושלל בתכלית די הכרזה וואָס איז נתפרסם געוואָרן לאחרונה — אַז אידן אין ארץ ישראל דאַרפן זיך אונטערגעבן צו דעם לחץ פון אוה״ע בקשר מיט ארץ ישראל צוליב אל תתגרה באומות, וואָרום זיי (די אידן) געפינען זיך אונטער דער שליטה פון אוה״ע און זיינען אָפּהענגיק אין זייערע חסדים, ביז — נאָכמער: אַז די הצלה און קיום פון אידן אין ארץ ישראל איז (געווען) תלוי אין אוה״ע, ר״ל היל״ת!...

ערשטנס (א): ר״ל צו זאָגן אַז דער קיום פון אידן איז בספק ר״ל היל״ת. עס ישראל איז נצחי וויבאַלד אַז זיי זיינען דעם אויבערשטן׳ס פאָלק און דער אויבערשטער איז נצחי (כמ״ש[89] „אני ה׳ לא שניתי ואתם בנ״י לא כליתם״, ועוד, ועוד).

צווייטנס (ב): יעדער איד ווייסט בפשטות, אַז די התחלה ופתיחה פון כל התורה כולה איז: „בראשית״, און רש״י איז אויף דעם מפרש: „בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית״!

איז פאַרשטאַנדיק בפשטות ממש, אַז ניט אוה״ע זיינען בעה״ב אויף אידן ר״ל!

והיות אַז דאָס איז די התחלה ופתיחה פון גאַנץ תורה — סיי תורה שבכתב און סיי תורה שבעל־פה („פירושה״ פון תושב״כ וואָס איז געגעבן געוואָרן צוזאַ־מען מיט תושב״כ[90]) וואָס דאָס איז כולל „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש״[91], די תורה וואָס איז געלערנט געוואָרן און צוגעקומען בײַ אידן במשך כל הדורות — איז פאַרשטאַנדיק, אַז „בראשית, בשביל התורה שנקראת ראשית ובשביל ישראל שנקראו ראשית״, איז אַ יסוד בכל התורה כולה.

[ווי פאַרשטאַנדיק בפשטות, ובמכ״ש וק״ו דערפון וואָס יעדער ענין אין תורה — אויך סדר אין תורה[92] — איז בתכלית הדיוק, עאכו״כ אַזוי בנוגע צו „ברא־שית״, די התחלה פון גאַנץ תורה. וואָס אַ התחלה פון יעדער זאַך, אפילו בלשון בני אדם, איז מיט די מערסטע דיוק, עאכו״כ אין תורה[93]].

ולמרות זה — אונטערשטייט זיך אַ איד צו מכריז זיין בפומבי לפני כו״כ עשיריות מישראל וואָס זיינען געקומען הערן „תורה״ — אַז דער קיום פון אידן איז תלוי אין אוה״ע!...

די פליאה בדבר איז נאָך שטאַרקער קומענדיק איצטער פון די ימים טובים אין חודש תשרי ווען אידן האָבן געזאָגט כמ״פ אין זייערע תפלות „אתה בחרתנו מכל העמים״!

ועד כדי כך איז דאָס בפשטות — אַז עס וואָלט גאָר קיינעם ניט איינגעפאַלן אַז מ׳דאַרף דאָס באַוואָרענען. ובפרט אַ אידן...

— אפילו אוה״ע זיינען דאָך מכיר אַז

89) מלאכי ג, ו.

90) הקדמת הרמב״ם לספר היד בתחלתה.

91) ראה מגילה יט, ב. ירושלמי פאה פ״ב ה״ד. שמו״ר רפמ״ז. הנסמן בלקו״ש חי״ט ע׳ 252 הערות 20־21.

92) ראה הנסמן בלקו״ש חכ״ד ע׳ 629 בהערה.

93) ובפרט שפתיחת התורה בבראשית („פתח בבראשית״) חידוש היא, ד„לא הי׳ צריך להתחיל התורה אלא מהחודש הזה לכם כו׳״ (פרש״י ר״פ בראשית).

אידן זיינען דער עם הנבחר. און במשך הדורות איז דאָס געווען אַ דבר הפשוט. ביז אַז אפילו אין די דורות ווען עס זיינען געווען העלמות והסתרים כו' (ווי אין זמן המשכילים וכיו"ב), וואָלט אַ רב מיט סמיכה זיך ניט אונטערשטאַנען מכריז זיין אַזאַ זאַך!

און (ג) די „טענה" פון אל תתגרה באומות וכו' און די חסדים וואָס מ'באַקומט פון אוה"ע – האָט דערצו כלל קיין שייכות ניט, וואָרום ס'איז מובן ופשוט, אַז אל תתגרה באומות וכו' רירט ח"ו כלל וכלל ניט אָן דעם „בראשית בשביל ישראל" און דעם „אתה בחרתנו" – וכמדובר לעיל (ס"ז).

ועוד ועיקר (ד): ס'איז פאַרשטאַנדיק בפשטות, אַז ווען עס רעדט זיך וועגן קיום התומ"צ – איז אויף דעם ניט שייך זאָגן אל תתגרה וכו'. ועאכו"כ בנדו"ד – וואו עס רעדט זיך וועגן פקוח נפשות דורך החזרת השטחים, ווי דער פסק־דין בשולחן ערוך אורח חיים סימן שכט (כמדובר כמ"פ), אַז „נכרים שצרו על עיירות ישראל . . אם באו על עסקי נפשות . . ואפילו עדיין לא באו אלא ממשמשים לבוא יוצאים עליהם בכלי זיין ומחללים עליהם את השבת . . ובעיר הסמוכה לספר אפילו אינן רוצין לבוא אלא על עסקי קש ותבן מחללין עליהן את השבת שמא ילכדו העיר ומשם תהא הארץ נוחה ליכבש לפניהם".

י. ויהי רצון אַז ער זאָל חוזר זיין בדבריו. אפילו דוד המלך האָט געזאָגט[94] „שגיאות מי יבין" [ועאכו"כ אַז מ'זאָל ניט מגדיל זיין דעם טעות, דורך זאָגן פירושים און ביאורים וכו' היפך האמת, און דאָס וועט סיי־ווי ניט העלפן,

94) תהלים יט, ג.

נאָר מאַכן נאָך ערגער, וואָרום „אמת מארץ תצמח"[95]].

ועוד ועיקר – אַז מ'זאָל בכלל ניט דאַרפן רעדן אין שולל זיין אַזוינע ענינים, און מכאן ולהבא – רעדן נאָר בשבחם ומעלתם של כל אחד מישראל,

און במיוחד – דורך דעם וואָס זיי זיינען מוסיף אין לימוד התורה וקיום המצוות, כולל ובמיוחד – אין די שיעורי חת"ת, ר"ת חומש תהלים תניא (כרגיל להזכיר אין דעם זמן ווען מ'הויבט אָן לערנען תורה מתחלתה ב־שמחת תורה),

ועוד והוא העיקר: עס זאָל צוקומען אין דער הכרה בכל העולם כולל ביי אוה"ע אין מעלתם ושבחם של ישראל – „בראשית בשביל ישראל", און – אַז ארץ ישראל געהערט צו אידן, ביז – שלימות הגילוי בזה, בגאולה האמיתית והשלימה, ווען מ'וועט האָבן נוסף צו די ז' ארצות אויך קיני קניזי וקדמוני[96],

ותיכף ומיד ממש, בשבת בראשית הי' תהא שנת נפלאות בה – גילוי נפלאות הקב"ה, ביז עיקר הנפלאות – „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[97], בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו,

און מ'גייט גלייך אַריין אין „אלה תולדות נח נח", נייחא לעליונים ונייחא לתחתונים, און דערנאָך – „לך לך מ־ארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך", אַז אַלע אידן – אויך די וואָס געפינען זיך לע"ע אין חו"ל [כולל די אבות החסידות חב"ד – דער אַלטער רבי, דער מיטעלער רבי און דער צמח

95) שם פה, יב.

96) פרש"י לך לך טו, יט. ועוד.

97) מיכה ז, טו.

צדק (וועלכע געפינען זיך אין „ארצך", „מולדתך" און „בית אביך": האַדיטש, ניעזשין, ליובאַוויטש), און אַלע רבותינו נשיאינו און אַלע צדיקים און אידן שבכל הדורות], גייען אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, בבית המקדש השלישי, אין קדש ה־קדשים, ותיכף ומיד ממש.

**לזכות**

## כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א

**מהרה יגלה אכי"ר**

יה"ר שיראה רוב נחת מבניו – התמימים בפרט,
משלוחיו, חסידיו וכלל ישראל – בכלל
ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו הק'
ויבנה ביהמ"ק במקומו ויקבץ נדחי ישראל
בגאולה האמיתית והשלימה
נאו תיכף ומי"ד ממ"ש!

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד!**

הוצאת ספרים
קרני הוד תורה
קה"ת
ליובאוויטש